וויי זיינען דאָ אינטע־
או .זיינען זיי? פאַר־
יישער שול?
לאָזט איך ניט צו?
שטעלט איך ניט
צים! מען האָט
מען ניט קיין אַנ־
ערטער זיינען דווקא
עס זיינען דאָ אַרום
בע אָקופּאַנטן" און
ן האַלטן זיי אויס
קפירער פרווט עס
אַרבעט בשלום צו־
דער יידישער שול,

שע שול איז „אין
דעריבער שטייען
קרייזן, וואָס לויט
יידישער שול, פאַר
פאַרברעך, אַ פאַר־
, וואָס מיר לעבן
ז דאָך די יידישע
אָס טויג שוין ניט
־אַרום הערשט אין
אויך יוצא מיט
יבערערישע שטיין

בער לאָמיר הערן
ן דאָס ניט טאָן!

נעמט זי אַרויס אַ ברוסט, אַ זוניקע אין פלאַמען...
אויף דער ברוסט אַ הענטל, די מאַמע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן,
דאָס קינד שלאָפט איין אַ זוניקס, די ליפּעלעך זויגן...
פאַרליבטע פאָרלעך מיט לייבער צוגעצויגן,
מיט הענט פאַרפלאָכטן, מיט זונען אין די אויגן...
עס וויגן זיך די שיפן, עס וויגן זיך די באַנען,
אויף יעדן פינגער, יעדן פנים אַ זון פאַראַנען...

מיט אויגן שטראַלנדיקע נעם איך לייענען,
און בעט דיך, גיב אַ קוק אויף מיינע לידער.

איך האָב זיי אָנגעשריבן אָט אַזוי ביים קאָכן —
מסתמא ניט קיין גוטע, זאָג מיר, ליבער;
עס איז יום־טוב — אינמיטן אינדערוואָכן —
ווי אַ וויינטרויב בין איך פול מיט לידער.

איך הער זיך צו צו דיינע רייד ווי אין פיבער,
דו זייסט פאַר מיר בילדער ווי אַ גערטנער,
רייד צו מיר, רייד צו מיר, ליבער!
די זון וועבט אַריין איר גאָלד אין דיינע ווערטער.

## שאָטן זיך איין

איך האָב געזען אַ בוים מיט דאַרע הענט,
מיט עלנבויגנס האָט ער זיין גוף פאַרשטעלט.

■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■

יצחק באשעוויס / ווארשע

# י ו ר ד י ם

I.

וואָכן לאַנג איז ר' עוזר מרגלית אַרומגעגאַנגען אַהין און צו־ריק פאַר זיין הויז, האָט מיט געלע פינגער־שפּיצן געוויקלט פּאַפּי־ראָסלעך און געקלעפּט זיי מיט אַ ווייסער צונג פון עגמת־נפש. ר' עוזרס ווייב, די מיוחסת מנוחה, איז געלעגן קראַנק שוין דאָס צווייטע יאָר און קיין שום דאָקטאָר האָט איר נישט געקאָנט העלפן. די גרויסע טיפע שניט־קראָם איז געשטאַנען פאַרמאַכט אויף איין טיר, די פּאָליצעס זיינען געווען ליידיק, און ס'האָט דאָרטן אין דער טונקלקייט ביטאָג געברענט אַן אַריינגערוקטער לאָמפּ, וואָס האָט געוואָרפן אין אַלע ווינקלען אַן אַבלותדיק ליכט. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהייבן אין איר אַריינכאַפּן מייז, און גרויסע ווייסע שפּינען האָבן דאָ מיט זריזות געפלאָכטן זייערע נעצן, גיך־גיך און פאַרפּאָ־רעט געגליטשט זיך איבער ספקדיק־גאָלדיקע פעדים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס פאַרכאַפּן באַצייטנס. אין דער קראָם האָט זיך בלויז אַרומגעדרייט איטע, די בת־יחידה, אַ מיידל פון קנאַפּע צוואַנציק. איטע האָט זיך שוין־לאַנג אַרומגעפּאָרקעט מיט די פּאָר רעשטלעך, געלייגט זיי פון אָרט צו אָרט, געמאָסטן זיי מיטן הילצערנעם אַר־שין און קעגן דער רויטלעכער האַלב־טאָגישער האַלב־נאַכטישער שיין געלייענט ביכלעך און ציַיטונגען. — זיבן יאָר צייט איז זי געווען אַ כלה מיט אַ הרוביעשויווער גוט־באַזיצערס אַ זון, אין דער גרויסער שאַנק איז שוין אַפילו געלעגן גרייט ניי בעטגעוואַנט און וועש. פון־דעסטוועגן איז דער שידוך די לעצטע מינוט אָפּגעגאַנגען. מענטשן האָבן געשמועסט, אַז דער חתן האָט צו טאָן מיט אַן אשת־איש, גע־רוימט ר' עוזרן אין די לאַנגע, האָריקע אויערן, אַז די כלה קאָן

קריגן שיינע טויזנטער פֿאַר דער מחילה, נאָר ר׳ עוזר האָט זיך געכאַפּט די לולקע־ציבוק, געקלאַפּט אין טיש און געשריען:

— שקצים, איך וועל אים די מחילה אָפּשיקן אַהיים, דעם גראָבן יונג!... מיר שפּייען אויף זיין געלט!...

די גאַנצע צייט פֿון דער מלחמה האָט ר׳ עוזר געלעבט פֿון גרייטן. ער האָט אויספֿאַרקויפֿט דאָס גאַנצע זילבער, פֿאַרטאַכלעוועט דעם ווייבס בריליאַנטן, געבאָרגט ביי פּראָצענטניקעס אויף היפּאָטעק און אַלץ געוואַרט אויף דער צייט, ווען די וועלט וועט זיך צוריקשטעלן אויף די פֿיס, ווי פֿאַרצייטישדיקע יאָרן. דערווייל זיינען יונגעלייטלעך רייך געוואָרן. נאָך דער מלחמה זיינען אין ר׳ עוזרס דעמבענעם קופֿערט געבליבן ליגן צענדליקער פֿאַפּירענע רוסישע הונדערטערס, אַ פּאָליס אויף געלט אין פּעטערבורג, אַ מגילה אין אַ זילבערנער שייד און אַ גרויסער בעכער, אין וועלכן דער טריסקער מגיד האָט געמאַכט קידוש. די געוועלבלעך האָבן, ווי אָפּגעשמועסט, אַלע אויף איינמאָל אויפֿגעהערט באָרגן, דאָס ווייב, מנוחה, דעם חתם־סופֿרס אַן איניקל, איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג אַלץ איינגעשרומפּענער און געלער. זי איז געלעגן אין בעט אין איר געקאַרבטע פּעלן שייטל און אין איר רבניש־זיידענער בלוזקע, האָט נישט אויפֿגעהערט נעמען ביטערע רעצעפּטן און זי האָט געטענהט מיט אַ שלאַף קול און מיט איינגעפֿאַלענע, דינע ליפּן:

— סדום!... כ׳האָב אַלעמאָל געזאָגט, אַז מיר זיצן אין סדום!... סדום ועמורה!...

גיין האָט זי נישט געקאָנט, געגעסן האָט זי שוין נישט וויפֿיל חדשים, אויסגעטרונקען בלויז אַ פּאָר לעפֿל יויך אין מעת־לעת, און דאָקטוירים האָבן בשום־אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין ווי אַזוי די איידעלע בריאה, וואָס האָט נישט קיין איין גאַנץ אבר, לעבט. פֿונדעסטוועגן האָט ר׳ עוזר — דער למדן און אַמאָליקער בורר — נישט געטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער אָן איר עצה. אַ ברייטער, אַ שטאַרקער, מיט אַ געדיכט־צעוואַקסענער גרויער באָרד און אין חשובע גאָלדענע ברילן מיט גראָבע קורצזיכט־גלעזער, — פֿלעגט ער זיצן לעבן איר צוקאָפּנס גאַנצע שעהן, זייטיק איינהערן זיך צו איר חולה־מסוכנדיק מורמלען, קאָרמען זי מיט אַ קינדיש לעפֿעלע און פּאָכן זיך מיט דער יאַרמולקע, כאָטש אין דער שלאָף־שטוב איז געווען קיל. ר׳ עוזר האָט אויסגעקנאַקט יעדן פֿינגער פֿון זיינע גבירישע האָריקע הענט, צוגענומען די נעגל צו די סאַמע שייבלעך, ווי ביי הבדלה, און אַלעמאָל איבערגעחזרט די אייגענע ווערטער:

— נישט גוט!... אין עצה ואין תבונה!...

מ׳האָט גאָרנישט געפּועלט. מ׳האָט געמוזט אויספֿאַרקויפֿן דאָס לעצטע און אַוועקפֿאָרן קיין וואַרשע, וואו ס׳וואוינט אלי, דער זון, דער נגיד און כלל־טוער. אין די בריוו האָט אלי צוגעזאָגט צו צאָלן יעדע וואָך אַ פּענסיע און צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרן טאַטן אַ בכבודיק מלמדות אין דער מתיבתא, וואו מ׳לערנט בלויז עטלעכע שעה אַ טאָג יורה דעה מיט דערוואַקסענע בחורים. חדשים לאַנג זיינען געגאַנגען בריוו אַהין און אַהער. אלי האָט געשריבן ווי זיין שטייגער, מיט גרויס איילעניש, האָט פֿאַרפֿעלט גאַנצע ווערטער און זיך אַלעמאָל פֿאַרשפּעטיקט מיטן ענטפֿער. ר׳ עוזר האָט באריכות און מיט קליינע לומדיש־ציטערנדיקע אותיותלעך אַלץ כסדר געוואָרנט דעם זון, ער זאָל נישט נעמען די זאַך לייכט, אויסדערציילט בפרט און מיט שברי־פּסוקים דער מאַמעס אַלע חולאתן און יעדעס מאָל געענדיקט:

„נאום אביך הכותב בדמע ובברכים כושלות עוזר הלוי מתלית בהר״פ וצ״ל ולמעלה בקודש...“

ס׳איז געווען אָפּגעשמועסט, אַז אלי זאָל קומען אַהער פֿאַרן אַרויסציען זיך און צוהעלפֿן ביים פּאַקן און ביים איבערפֿירן די קראַנקע מוטער. אָבער די לעצטע מינוט איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם, אַז אלי קאָן בשום־אופֿן נישט צופֿאָרן צוליב אַן אומגעריכטער זאַך. דער טאַטע האָט פֿון צערודערטקייט אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסן טייערן קלאָש, די אַלטע האָט געקראָגן אַן אַטאַק פֿון אירע גאַל־שטיינער. בלויז איטע, דער קאַלטער גזלן אין דער משפּחה, איז נישט נתפּעל געוואָרן. זי האָט מיט אירע דאַרע ביינערדיקע הענט געשלעפּט פּעק איבער אירע ווייבערישע כוחות. אין וועלפּיש־דאַרן פּנים האָבן די אויגן געקוקט דורכדרינגלעך־גרויסע און טונקל־קרימלעכע, אַ סימן, אַז זי האָט שטילערהייט אַלץ פֿאָרויסגעזען.

— טאַטע — האָט זי געזאָגט — פֿאַרלאָז דיך אויף אלין וואָס ווייניקער!... איך גלויב נישט אין זיינע גליקן!...

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די עקשנותדיקע שווייגערין איטע איז גערעכט געווען. באַלד די ערשטע וואָכן האָט אלי אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פֿון געלט, געלאָזט וואַרטן טעג מיטן אויסצאָלן און נישט געהאַלטן קיין צענט־חלק פֿון זיינע הבטחות. ר׳ עוזר האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ טונקעלער שטוב מיט אַ קיך אין דער נידער, ערגעץ אויף אַ גרויסן הויף. די ווענט זיינען דאָ געווען לאַנג נישט־געמאָלט און שוואַרץ, ווי סאַזשע, אויפֿן סופֿיט זיינען געשטאַנען געלע פֿלעקן, ברייטע, בייכיקע און ס׳האָט געשמעקט מיט חורבה און ווילדע שוואָמען. כאָטש אין סאַמע מיטן זומער, — איז דאָ געשטאַנען אַ פֿוילע קילקייט און מ׳האָט געמוזט גלייך איינהייצן אין אויוון. פֿון שלעפֿן זיך אויף באַנען און מיט אַקס האָט די מאַמע כמעט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן דאָס לשון, איז געלעגן טעג לאַנג אַן איינגעבאָגלטע אינם גרויסן איבערבעט, ווי ביי אַ היץ־קראַנקהייט, און דאָס קליינע געמבעלע אירס האָט זיך פֿאַרדריסן, ווי ביי אַ טויטן. ר׳ עוזר האָט זיך מיט שווער־געוואָרענע פֿיס געפּלאָנטערט צווישן די נישט־אויפֿגעפּאַקטע פּעק, שעהן לאַנג עפּעס אַרומגעזוכט און געדרייט זיך אויף איין אָרט. זינט ער איז געקומען אַהער, איז אים די ראיה נאָך טונקעלער געוואָרן, און ס׳איז אויף אים אַרויסגעשפּרונגען אַ פּלוצלונגדיקע אַלטקייט. אלי פֿלעגט זיך אַריינכאַפּן זעלטן און אויף עטלעכע מינוט. אַ נידעריקער, אַ פּעטער, מיט אַ בייכל און מיט צו ברייטע פּלייצעס, — איז ער געווען נישט ענלעך צו קיינעם פֿון דער משפּחה. דאָס שוואַרצע בערדל זיינס איז געווען צום האַלז צו אַרומגעגאָלט, אויפֿן קאָפּ איז ביי אים געזעסן פֿאַררוקט אַ שוואַרצער קאַפּעליוש און ער האָט נישט אויפֿגעהערט דרייען מיט זיין שטעקעלע. בשעתן ריידן פֿלעגן די לויפֿנדיקע אויגן קוקן אומרויִק ערגעץ צום פֿענסטער, ווי מ׳וואָלט אויף אים געוואַרט אינדרויסן און ער פֿלעגט טענהן:

— נישקשה, טאַטע, וועסט זיך צוגעוווינען... אָט בין איך ערשט טאַקע געווען וועגן דיר אין דער מתיבתא... ס׳גייט אויף אַ וועג!...

איידער ר׳ עוזר פֿלעגט באַוויזן דאָס מויל צו עפֿענען, פֿלעגט אלי שוין זיין אויף יענער זייט טיר, איבערלאָזן הינטער זיך אַ ווידער־קול פֿון צו הויכע רייד און עפּעס גרויס־שטאָטיש־אָפּנאַרעריש און וואוילעריש. ר׳ עוזר פֿלעגט לאַנג דערנאָך זיך איינקוקן אין דער נאָר־וואָס פֿאַרקלאַפּטער טיר, ווי ער זאָל נישט גלויבן די אייגענע אויגן, שטאַרק פֿאַרציען די געדיכטע ברעמען און טענהן:

— האָסט געהערט, איטע, הע?... וואָס האָט ער געזאָגט, האַ?... איטע!...

איטע האָט אַ פֿאַרביסענע נישט געענטפֿערט, גאַנצע טעג געהאַלטן אין איין רוימען און וואַשן, געהאַקט שוואַרצע שטיינערדיקע קוילן אויף די קליינע האַנט־פֿלאַכן און געריבן גרויסע באַליעס וועש. עפּעס אַן אַלטע גויע אַ שכנטע האָט זיך דאָ געדרייט, געלערנט העם מיידל יעדעס קלייניקייט און געקאָכט פֿאַר זיך טעפּלעך וואַסער. איטעס שאַרפֿע גלייכע נאָז האָט באַקומען אַ רויטלעכע מראה, און אין די אָפּבלאַקירט־בלאָנדע האָר אירע, פֿאַרקעמט אויף הינטן אין אַ גרעקל, האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינכאַפּן ווייסע פֿעדים. קיין געלט אויף דאָקטוירים איז נישט געווען, אַליין לאָזן די מאַמען האָט מען אויך נישט געקאָנט. ר׳ עוזר פֿלעגט אַוועקגיין אויף שעהן לאַנג אין חסידים־שטיבל, עסן בלויז איין מאָל אין מעת־לעת וועטשערע

צערודערטקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אומזיסט מבזה געווען. פון די וויצן איז געבליבן אַן איבלדיקייט ווי צום ברעכן און ס'האָבן לאַנג דערנאָך געפּלאַמט די קליינע גלאָט-אַרומגעקעמטע אויערן-לעפלעך. שפּעטער-צו האָט איטע אײַנגאַנצן אויפגעהערט צו גיין אַהין. זעלטן-אַמאָל איז אַרײַנגעפאַלן אין שטוב אלי. ער האָט אויף איין פּוס געערדט וועגן זיינע שוואַכע געשעפטן און וועגן זיין ווייבס חולאתן, דערציילט גיך-גיך און אונטער-דער-נאָז וועגן עפּעס אַן אויסלענדיש וואַרעמבאָד, וואוהין זי פאָרט, און צו איטען פלעגט ער טענהן:

— וואָס ביסטו ברוגז געוואָרן, הע?... מ'האָט ערשט דאָ אַנומלט גערעדט וועגן דיר... אַ שטיקל שידוך...

איטע האָט נישט געענטפערט, איז געזעסן אין קוך אויפן בעטל ווי אַ דינסט און האָט געצערעוועט אַ זאָק. — זעלטן, אַז די טיר האָט זיך דאָ געעפנט; דער איינציקער מענטש, וואָס פלעגט אַהער אַרײַנקומען, איז געווען דער ליטעראַט שמאָנצעס, וואָס האָט געוואוינט אונטן אַליין אין קעלער-שטוב: אַ הויכער, מיט אַ גאַנג פון איינעם, וואָס אָט-אָט ברעכט ער זיך איבער. דער לאַנגער, אויסגעדאַרטער קאָפּ זיינער האָט אַראָפּגעהאַנגען ווי ביי אַן אויסגעדינט פערד און דורך די טאָפּלטע געשליפענע ברילן האָט איין אויג אויסגעקוקט אַ פאַרגרעסערטס און ווי פאַרוואַקסן מיט ווילד-פלייש, דאָס צווייטע האָט געשיקלט און אויסגעזען, ווי אַ גלעזערנס. די ערשט צייט פלעגט ער קומען באָרגן אַ ביסל זאַלץ, אָנצינדן אַ ליכט. ער איז געשטאַנען ביי דער טיר מיט אָפּגענוצטע נאָכהענגענדיקע מלבושים און מיט דער אונטערטע-ניקייט פון אַ שטומען. שפּעטער-צו פלעגט ער זיך שוין אַוועק-זעצן אויף אַ בענקל, מיט אַלע בלווילעכע פינגער אַרומהאַלזן אַ גלאָז טיי און טענהן מיט אַ טויט קול:

— יאָ-יאָ, אַזוי וועט מען אויס, ווען מ'וויל נישט מיטטאַנצן מיט אַלע... יאָ-יאָ!...

(סוף קומט)

■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■

# די יידישע שול אין געפאַר!

אַ פרעסע קאָנפערענץ אין דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע, אין וואַרשע. די פירער פון דער ציש"אָ נ. בוקסבוים, ש. מענדעלסאָן, ת. ש. קאַזדאַן גיבן איבער פאַר די פרעסע-פאָרשטיי-ער דעם סך-הכל פון דעם פאַרגאַנגענעם שול-יאָר און די אויסזיכטן אויף דעם נייעם לערניאָר. די באַריכטן זיינען פול מיט ווייטאָג און פיין פון איין זייט, און מיט שטורעמונג און עקשנות פון דער אַנ-דערער זייט. ווייטאָג און פיין פאַר די אומדערהערטע עוולות, שי-קאַנעס און רדיפות, וואָס ווערן כסדר געפירט קעגן דער יידישער שול, און שטורעמונג פאַר דער מסירת-נפשדיקער אַרבעט און איבערגעגעבנ-קייט פון די לערער און טוער פאַר דער יידישער שול.

עס איז געווען אַ פיינלעך יאָר, וואָס האָט געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע פון דעם גאַנצן יידישן שולוועזן אין פוילן. ווי באַ-קאַנט, ווערט די אַמעריקאַנער סובסידיע פאַר די יידישע שולן אין פוילן אַלץ קלענער. פון אַכט טויזנט דאָלאַר אַ חודש איז די סוב-סידיע די לעצטע יאָרן געפאַלן און זי דערגרייכט איצט קוים ביז אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר אַ חודש. עס זיינען די לעצטע יאָרן געווען סובסידיעס פון די מאַגיסטראַטן, וואָס האָט דערגרייכט איבער 400 טויזנט גילדן אַ יאָר, איז איצט די טענדענץ פון די אָנפירנדיקע רע-גירונגס-אַנשטאַלטן צו שטרייכן די סובסידיעס. עס קומען פּאָליטישע רדיפות, וועלכע נעמען וואָס ווייטער אָן אַ אַלץ דראָענדיקערן כאַראַק-

חדשים זיינען געשטראָכן געוואָרן דורך די וואָיעוואָדעס, סטאַראָסטעס און מיניסטעריום סובסידיעס אויף אַ סומע פון 140 טויזנט גילדן, און עס זיינען נאָך נישט זיכער די סובסידיעס אין אַ ריי אַנדערע שטעט. אויך פריער, מיט אַ יאָר און צוויי צוריק, האָט מען געשטראָכן די סובסידיעס דאָ און דאָרטן, אָבער עס האָט געטראָגן אַ לאָקאַלן כאַ-ראַקטער, איצט נעמט אָן דאָס שטרייכן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אין פאָריקן יאָר איז געשטראָכן געוואָרן די סומע פון 1500 גילדן אין דאָמבראָוויץ, און דער סיימיק האָט פאַראָרדנט די סומע אַוועק-צוגעבן דער פוילישער פּאָווסעכנע שול פאַר יידישע קינדער. ס'האָט נישט געהאָלפן דער פּראָטעסט פון שטאָטראַט. דער פּאָליעסער וואָיעוואָדע האָט געשטראָכן די סובסידיע פאַר דער בריסקער שול (5000 גילדן אַ יאָר), און דער מאָטיוו איז געווען, אַז די יידישע שול איז אַנטי-מלוכיש. די עוולה איז געווען, הלמאי קינדער פון פער-טער אָפּטיילונג האָבן נישט געוואוסט ווער הרב מייזליש איז געווען. הייסט עס, אַז מען דערציט נישט די קינדער אין מלוכהישן גייסט, ווען זיי זיינען נישט באַהאַוונט אין דער טעטיקייט פון דעם רב מייזליש... אין אַנדערע ערטער האָט מען געהאַט אַזאַ מין אויס-רייד — „די שולמאַכט האָט געהאַט בדעה צו שליסן די אַנ-שטאַלטן“ — (לאָדז). עס זיינען ביז אַהער געשטראָכן געוואָרן די מאַגיסטראַט-סובסידיעס אין לאָדז, פּיעטריקאָוו, טשענסטאָכאָוו, קאַליש,

שלייפן און דער פאַרלאַנג הערט שטאַרקער... זיך ווּעלוול אַראָפּ פון בעט, שפּאַרט זיך אונטער אויף די שטאַרקע הענט און שאַרט זיך אויף אַלע פיר אין צווייטן צימער אַריין.

דבורה ליגט אַן אָפּגעדעקטע. אויפן ווייסן קישן שוואַרצע, צעפּאַטלטע האָר, וואו אַ קינדיש פּנים, אַ ווייס, אַן אויסגעדרוט, איז אַיינגעגראָבן. שטיקער זון פאַלן אויף אַ נאַקעטן פוס, לויכטן אויף. ווּעלוול פאַרמאַכט די אויגן, טראָגט זיך לייכט אין קיך אַריין, נעמט

— וואָס איז, ווּעלוול? האָסט זיך אָפּגעבריט?

זי זיצט שוין לעבן אים אויפן דיל, הויכט און בלאָזט אויף דער אָפּגעבריטער האַנט, שמירט איר מיט פּוטער, און ווּעלוול, ווי אַן אומגעלומפּערטער גען, מיטן „של-ראש" אויפן אויער, לאָזט זיך „אָואַווירן", פאַרמאַכט די אויגן, טוט קיין שמייכל ניט און ס'איז אים גוט, זייער גוט.

■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■

יצחק באַשעוויס / וואַרשע

# י ר י ד י ם

(סוף)

איטע פלעגט אים אַלע אָוונט אָפּקאָכן אַ טעפּעלע רייז, פאַרריכטן זיינע העמדער, ביז שפּעט אין דער נאַכט לייענען קעגן לעמפּל זיינע „מאַנוסקריפּטן", וואו ס'האָט זיך גערעדט וועגן דער גראָבקייט פון פאַרעטערישע פרויען און וועגן דער פאַרלוירנקייט פון שטענדיק-איינזאַמע. אַ שריפט האָט ער געהאַט אַ גרויסע, אַ ציטערנדיקע, עטלעכע שורות אויף אַ בלעטל. אויף די ראַנדן זיינען געווען אָנגעצייכנט אויסטערלישע פּנימער מיט הערנער, הויכע ווייבלעכע געשטאַלטן אַרומגעהילטע מיט קרעפּ און מיט די בלויזע פיס. פון די פּאַפּירן זיינע האָט געשמעקט מיט קאַרבאָל און מת. אינאָנהייב האָט איטע פאַר אים מורא געהאַט און ווימיל מאָל ער איז אַריינגעקומען, האָט זי דערנאָך געהאַט שלעכטע חלומות. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער יאָגט זי נאָך מיט אַ לאַנגן שטעקן און אַז ער שטיקט זי מיט זיינע ביינערדיקע הענט. דערנאָך האָט איטע אָנגעהויבן זיך צוגעוויינען צו אים. אין די לאַנגע ווינטער-נעכט פלעגט ער דאָ זיצן ביים אָפענעם טירל, פּאַפּען אַ פאַרברענט פּיי־קעלע, דלובען עס מיט אַן האָר-נאָדל און בראָטן קאַרטאָפל אין אַש. דאָס אויסגעצערטע נישט-געגאָלטע פּנים זיינס איז געוואָרן קופּער-רויט, דאָס לעצטע ביסל בלאָנד-אָפּבלאַקירטע האָר אויף זיין שאַרבן האָט זיך געקרייזלט און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי עפּעס אַ קריסטלעכער הייליקער. איטע פלעגט זיך צוזעצן לעבן אים, אַראָפּלאָזן נידעריק דעם קאָפּ און טענהן:

— יאָ, שמאָנצעס, מיר טויגן נישט פאַר דער וועלט!... פון אַזעלכע לאַכט מען זיך היינט אויס!...

שמאָנצעס האָט זיך צוגעשאָקלט, ווי ער זאָל איבערקלערן דעם ענטפער, אַלעמאָל אָנגעצונדן אַ שטיקעלע פּאַפּיר און געבריט די פינגער. פון דער העלער הויט פלעגט ער נעמען פּאַמעלעך אַריינדערציילן אין די קוילן אַריין, — אַזוי לאַנג פלאָנטערן מיט דער צונג און זאָגן גוזמאות, ביז ער פלעגט איבערהאַקן אין סאַמע מיטן, בלייבן זיצן אַ פאַרגליווערטער, ווי ער וואָלט פלוצלונג אַליין מסופק געוואָרן אין די אייגענע רייד... אַוועקגיין פלעגט ער שפּעט, אַ סך נאָכן טאַטנס קומען. דאָס פענסטער איז געווען פאַרהאַנגען. אין הויף איז געשטאַנען אַ שפּעט-נאַכטיקע שטילקייט — אַ פאַרשווייגענע און לויערנדיקע. שמאָנצעס פלעגט בלייבן שטיין ביי דער טיר אַן איינגעבויגענער, מיט אַ קרומער פּלייצע, וואָס איז פאַרויס גרייט, מ'זאָל זי אַרויסשטופּן. איטע האָט אים נאָכגעלויכטן מיט אַ לעמפּל אין נאַסן קעלער אַריין און זי האָט אים נאָכגערופן:

— שמאָנצעס, דעקט אייך גוט צו, שמאָנצעס!... גרויס שלים-מזל, נעבעך!...

III.

אין איינעם אַ טאָג נאָך פּסח איז שמאָנצעס פלוצלונג אַריינגעקומען אַן אויסגעפּוצטער, אין אַ נייעם אַרומשווימענדיקן אָנצוג, אין שטאַרק-רויטע שיך און מיט אַ גרויסער קינסטלער-שלייף אויפן שמאָלן, אָדערדיקן האַלז. די גלעזער האָבן ביי אים געבלישטשעט מער ווי אַלעמאָל, און דער שווייס האָט זיך געגאָסן איבערן רויטלעכן אָפּגעשיילטן שטערן. ער האָט לאַנג געסאָפּעט, אויפגעהויבן אַ האַנט, אַ סימן, מען זאָל אים לאָזן ריידן, און ער האָט סוף-כל-סוף אַרויסגעזאָגט:

— פריילין איטע, מיר קומט צו גראַטולירן!.. גאָטס זון האָט אויך אַריינגעקוקט אין מיין פענסטער!... איך האָב חתונה!... מיטן אָביעקט פון מיינע חלומות!...

ער האָט זיך אַזש פאַרהיקעט, די אַקסלען זיינע האָבן געציטערט און עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. איטע האָט זיך צו אים געלאָזן אויסגעדרייט, אים אַ פאַרחידושטע אָנגעקוקט מיט אירע קרומע טונקעלע אויגן און געמאַכט אַ מינע, ווי זי זאָל שטאַרק דאַרפן ניסן. די נאָז אירע האָט געקריגן אַ סך קנייטשעלעך און זי האָט געזאָגט האַלב-שמייכלענדיק האַלב-פאַרקרימט:

— נו, ס'איז שוין לאַנג צייט געווען... מזל־טוב!...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענע סאָניע, וועגן וועלכער שמאָנצעס האָט אָנגעשריבן אַזויפיל לידער, האָט זיך געגט מיטן מאַן ערגעץ אין דעם וואָלינער שטעטל, וואו זי האָט געוואוינט און איז פּלוצלונג געקומען צו פאָרן־גלייך צו שמאָנצעסן מיט עטלעכע קוישן זאַכן און מיט אַ ביסל געלט, גרייט מיט אים אַוועקצופאָרן קיין אַרגענטינע. איטע האָט געמוזט מיטגיין אין קעלער אַריין, אָנקוקן די גרויסע פּעק, וואָס מ'האָט דאָרטן אָנגעלייגט, און דאָס קליינע צעשויבערטע ווייבל מיט די שוואַרצע אַרויסגעזעצטע אויגן און מיט דער שפּיציקער אָפּגעשראָקענער נאָז. זי האָט זיך די גאַנצע צייט געדרייט אויף איין אָרט און אויסגעזען, ווי עפּעס אַ מין פרעמדער אַריינגעכאַפּטער פויגל. שמאָנצעס האָט אַלעמאָל אָנגעכאַפּט אַן אַנדער זאַך, אַרומגעטראָגן זיך דערמיט ווי בשעת אַ שרפה, און געטענהט:

— איז אָט!... סוף־כל־סוף געקומען!... פאַרשפּעטיקט אויף צוואַנציק יאָר, אָבער דאָך...

פון יענעם טאָג אָן האָט שמאָנצעס כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט אַריינצוקומען. איטע פלעגט שעהן־לאַנג אָפּשטיין ביים פענסטער, איינגעהילט אין איר שאַלכל, מיט דעם נאָגנדיקן בליק פון עמעצן, וואָס קוקט לאַנג אויס אַ בריוו. ערגעץ אין אַן אַקעגנאיבערדיק פענסטער האָט אַן עלטערער, קראַנקער גוי גאַנצע טעג פּאַנפּעוואַטע געשפּילט אויף אַ פּודעלע איין לידל, יעדעס מאָל זיך פאַרהאַקט אינדערמיט און צוריק אָנגעהויבן אויפסניי. אויף די פּאַפּענע דעכער פון די שאָפּעס זיינען אָפּגעשטאַנען שעהן־לאַנג טויבן און אויף עפּעס געהאַרט. צווישן די אָפּגעקראָכענע הינער אויפן הויף האָט זיך אַרומגעדרייט אַ קליין עוף מיט ווייסע־און־שוואַרצע קראַטקעס און מיט אַ קרומען באַקרעלטן האַלז — האַלב־אינדיק, האַלב־פּאַווע. דאָס עוף האָט זיך געשאַרט ביי די ווענט, געהאַלטן זיך אין איין אומקוקן, ווי עס וואָלט געהאַט פאַרבלאָנדזשעט, און פון דער העלער הויט האָט זיך עס צעשריגן מיט אַ ראַציק קול, אַ סקריפּעדיקס, אַז די אויערן האָבן אַזש אָנגעהויבן ווײ־צו־טאָן דערפון. זעלטן פלעגט דורכאיילן שמאָנצעס. איין אַקסל איז געווען הויך־פאַרריסן, דער צווייטער — אַראָפּגעלאָזט. די אויסגעבויגענע פיס זיינע האָבן געטשאַפּעט גיך־גיך און אַלעמאָל האָט ער געטראָגן אַ סך פּעקלעך. אַמאָל פלעגט אָנקומען דער טאַטע. ער האָט מיט זיין שטעקן געשאַרט פאַר זיך אין דער לופט, ווי ער וואָלט נאָך פון עפּעס אָפּגעיאָגט. זינט דער טאַטע איז בלינד געוואָרן, איז ער זעלטן געווען אין דער היים, האָט עפּעס אָפּגעלאָזט די מאַמען און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ר'האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער שטוב און אין יעדן עול. דער אַפּעטיט איז ביי אים גרעסער געוואָרן, דער גאַנג — גיכער. דערצו האָט אַלי יעדע וואָך געשיקט אַלץ ווייניקער. די מאַמע פלעגט זיך אויפכאַפּן פון דער העלער הויט, הייסן זיך אויפזעצן און זי פלעגט מורמלען:

— רבונו־של־עולם, נעם מיך צו!... וואָס גיכער!... כ'האָב אויף דער וועלט מער גאָרנישט!...

אַלע עטלעכע טעג האָט די מאַמע געבעטן, מ'זאָל איר איבערטאָן אַ העמד, געזאָגט ווידוי, געקלאַפּט זיך אין האַרץ און געשיקט נאָך די מאַנסלייט. אָבער דער טויט איז נישט געקומען. ביסלעכווייז האָט ר' עוזר אָנגעהויבן עסן ביי נגידים פון חסידים־שטיבל. ער פלעגט אַפילו אַוועקפאָרן אויף גאַנצע וואָכן צום רבין. אין שטוב איז די קיך געשטאַנען אַ קאַלטע. אַן עובר־בטלדיקע קאַץ האָט דאָ גאַנצע טעג געדרעמלט און געפאַסט תעניתים, ווי עפּעס אַ גילגול, וואָס דאַרף אָפּקומען. מיט דער צייט פלעגט איטע פאַרשליסן די טיר און אַוועקגיין איבער פרעמדע גאַסן, צוקוקן זיך אין הויף צו קונצן־מאַכערס און אָפּשטיין ביי געשעפט־פענסטער.

אַמאָל פלעגט זי טרעפן אַלי, דער ברודער. איטע פלעגט רויט ווערן, נעמען זיך רוקן אויף צוריק, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט ביי אַ נישט־שיינער זאַך. אַלי האָט זי מיטגעשלעפּט אַ שטיק וועגס, גערעדט עפּעס אינדערגיך וועגן די שלעכטע געשעפטן און וועגן דעם, אַז ס'איז נישט קיין יושר צו לאָזן די מאַמען אַליין. אינדערמיטן פלעגט ער נעלם ווערן: אויסמישן זיך מיט די פאַרבייגייער. אינדערהיים פלעגט איטע אַמאָל טרעפן אַריינגעשטעקט אין דער טיר אַ האַלב־באַשריבן קאַרטל, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, מיט אותיות, וואָס שפּרינגען קרום איינס איבערן אַנדערן. ס'איז געווען פון טאַטן. אַן אַנדער מאָל זיינען אַפילו אָנגעקומען עטלעכע גילדן. — איינמאָל נאָך ראש־השנה איז איטע געקומען אַהיים פון גאַס אַ שטאַרק־צעפּלאַמטע, מיט פּלוצלונג־שווער־געוואָרענע פיס און מיט אַ טרוקענעם האַלז. איטע האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער, צוגעביסן אַ שטיקל צוקער, אָבער ס'האָט געהאַט אַ טעם פון קרייד. איטע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט, נישט קיין כוח געהאַט אָפּצושנירעווען די שיך און מיט אַ לעצט שטיקל ניכטערן מוח אַ טראַכט געטאָן:

— ווײ־ווײ, וואָס וועט זיין מיט דער מאַמען!...

פון דאַמאָלסט אָן איז דאָס מיידל מער פון בעט נישט אַראָפּ. איטע האָט זיך אויפגעכאַפּט ספק־פאַרטאָג, ספק־פאַרנאַכט, בשום־אופן נישט געקאָנט דערגיין צו קיין טאָלק, וואו זי האַלט אין דער וועלט. די פיס זיינען געווען פאַרשלאָפן און פרעמד, ווי שטיקער האָלץ, טעג־און־נעכט האָבן זיך געטוישט גיך־גיך, זיך איבערגעהיפּערט. איטע האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ סכסוך מיט דעם הרוביעשויווער חתן אירן, געמאָנט ביי אים פינף טויזנט רובל, געפירט גרויס מחלוקת מיט זיינס אַ באָבע, וואָס האָט דעם גאַנצן אוצר פאַרקנעטן אין אַ לאַנגן פורימדיקן קוילעטש. די אויערן האָבן ווײ־געטאָן פון אויסהערן די אַלע טענות און אויף דער אונטערשטער ליפּ האָט געהאַנגען אַ געוויכט. שפּעטער איז צוגעקומען עפּעס אַ קליין פייערל אין אַ גרויסן פעליץ, מיט אַ קוטשמע אויפן קאָפּ און מיט אַ בערדל. דאָס פייערל האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די שטובן, שווייגנדיק און דראָענדיק, געמאָסטן די ערד מיט אַ סענקאַטן שטעקן. אינדרויסן פאַר די פענסטער האָבן מענטשן שטאַרק געשריגן, געוואָרנט, אַז ס'קאָן אַרויסקומען דערפון אַן אומגליק, געמאַכט מיט די הענט. איינמאָל, ווען דאָס פייערל האָט אַ הויב געטאָן די פאַלקע איבערן אַקסל און אויסגעשטשירעט אַ פול מויל געלע שיטערע ציין — האָט איטע אַ ציטער געטאָן צוזאַמען מיטן בעט, געעפנט די אויגן. די קיך איז פול געווען מיט ווייבער, דאָס פענסטער איז געווען צעפּראַלט. דורך דער אָפּענער טיר אין שטוב־אַריין האָט דורכגעשיינט אַ גאָלדיקייט פון אָנגעצונדענע ליכט און אַ שטיק פאַרהאַנגענער שפּיגל. ביים בעט איז געשטאַנען שמאָנצעס און אין זיין רויטער טויטלעכער האַנט האָט געציטערט אַ קופּערנע קוואַרט. עפּעס אַ ייִדענע האָט כלאָקעוואַטע־זינגענדיק און מיט אַ ניגון פון מענה־לשון געטענהט:

— ווײ איז צו די יאָרן! ס'מת ליגט שוין אַ גאַנצע וואָך!...

איטע האָט צוגעמאַכט די ווייעס, געשפּירט ווי זי שווימט ערגעץ אַוועק צוזאַמען מיטן בעט...

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ה. לייוויק

**הירש לעקערט**

דראַמאַטישע פּאָעמע אין זעקס בילדער.

פרייז 2.80 גילדן.

Spółdz. „Bycher“, Warszawa, Nalewki 2a.